אַפֿילו אַרײַנגעפֿירט גריכן אין בית המקדש אַרײַן
29 און פֿאַרשוועכט דאָס דאָזיקע מקום־קדוש. וואָרום
זיי האָבן פֿריִער געזען טראָפֿימוסן דעם
עפֿעזער אין דער שטאָט מיט אים; און
געמיינט, אַז פּוילוס האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין
30 בית המקדש אַרײַן. און די גאַנצע שטאָט האָט זיך
באַוועגט, און עס איז געוואָרן אַ צוזאַמענגעלויף
פֿון פֿאָלק; און זיי האָבן געכאַפּט פּוילוסן און אים
אַרויסגעשלעפּט אויסער דעם בית המקדש; און
31 גלײַך האָבן זיך די טירן געשלאָסן. און ווי זיי האָבן
אים געוואָלט טייטן, איז געקומען אַ שמועה צום
הויפּטמאַן פֿון דער אָפּטיילונג, אַז גאַנץ ירושלים
32 איז אין אַן אויפֿברויז. האָט ער גיך גענומען זעלנער
און אָפֿיצירן, און איז אַראָפּגעלאָפֿן צו זיי; און
דערזעענדיק דעם הויפּטמאַן און די זעלנער,
33 האָבן זיי אויפֿגעהערט צו שלאָגן פּוילוסן. דאַן
איז דער הויפּטמאַן צוגעגאַנגען, האָט אים אַרעסטירט,
און באַפֿוילן מען זאָל אים בינדן מיט צוויי קייטן,
און האָט געפֿרעגט, ווער ער איז, און וואָס ער האָט
34 געטאָן. און יעדער איינער אינעם המון האָט עפּעס
אַנדערש געשריגן; און נישט קענענדיק זיך דערוויסן
אויף זיכער, צוליב דעם געטומל, האָט ער באַפֿוילן,
מען זאָל אים אַוועקפֿירן אין דער פֿעסטונג אַרײַן.
35 און ווען ער איז געקומען צו די טרעפּ, האָבן די
זעלנער אים געטראָגן צוליב דעם געדרענג פֿון דעם
36 המון; וואָרום די פֿאָלקסמאַסע האָט נאָכגעפֿאָלגט,
שרײַענדיק: אַוועק מיט אים!

37 און בשעת פּוילוס האָט געזאָלט אַרײַנגעפֿירט
ווערן אין דער פֿעסטונג אַרײַן, האָט ער געזאָגט
צום הויפּטמאַן: צי איז עס מיר דערלויבט עפּעס
צו זאָגן צו דיר? און ער האָט געזאָגט: דו קענסט